# עונג שבת



**גוט שבת אלע אידן.** יעדען טאג בעט מען פונעם אויבערשטען ״ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים...״ ליידער זענען מיר נאך אלץ אין גלות. אבער, אפילו מען איז אינעם שווערען גלות, דארף מען גלייבן יעדע רגע אז דער אויבערשטער וועט ברענגען די גאולה. מיר ליינען וועגן די גאולה אין די וואכעדיגע סדרה. די פרשה רעדט די וואך וועגן דעם אנהייב פון דעם אויבערשטענ׳ס אויסלייזען די אידישע קינדער פון מצרים.

פאר דער אויבערשטער האט אויסגעלייזט די אידישע קינדער פון גלות מצרים, האט ער באוויזן פארשידענע אותות און מופתים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, ״...והרביתי את אותותי ואת מופתי בארץ מצרים.״ – און איך וועל מערן מיינע צייכענעס און מיינע וואונדער אין די לאנד פון מצרים. (שמות ז,ג) אזוי ווי מיר האבן עטליכע מאל שוין דערמאנט, חז״ל זאגן אז גלות מצרים איז געווען א דוגמה פאר אלע אנדערע גליות. און אזוי ווי פאר דער אויבערשטער האט אויסגעלייזט די אידישע קינדער פון מצרים, האט ער באוויזן פארשידענע מופתים, אזוי וועט עס זיין ווען דער אויבערשטער וועט אונז אויסלייזען פון דער היינטיגער גלות, ד״ה עס וועט זיין מיט אותות און מופתים.

ווי נענטער מען קומט צו די גאולה שלימה, ווייזט דער באשעפער מער און מער מופתים דורך השגחה פרטיות. משל למה הדבר דומה, די קינדער ווייסן אז עס וועט באלד זיין דער צייט צו עסן נאכטמאל ווען זיי שמעקען דעם ריח פונעם עסן ארויסקומען פון קאך. איז לאמיר פארציילן א פלא׳דיגע השגחה פרטיות מעשה פון היינטיגע צייטן.

אַלבערט אזאר (זיין עכטע נאמען) איז א ספרד׳ישע איד וואס ארבעט אלס פארקויפער. א גרויסער חלק פונעם יאר, טוט אַלבערט ארומפארן איבער די וועלט פארקויפן. אַלבערט איז אויפגעוואקסן אלץ פרומער איד. ליידער, ווי מער אַלבערט איז אריין אין זיין פרנסה האט ער זיך צוביסלעך אוועקגעגליטשט פון אידישקייט. אבער, כאטש ער איז געווען נעבאך אויפ׳ן וועג אראפ פון אידישקייט, איז ער נאך אלס געגאנגען אנגעטון מיט ציצית. אבער איין טאג האט ער אפילו אראפגענומען זיין ציצית. ווייל ער האט נישט גוט געשפירט צו גיין אנגעטון מיט א לבוש וואס סימבאלאזירט די תרי״ג מצוות וועלכע ער האט כמעט אינגאנצען אפגעלאזט.

איין טאג דערנאך, האט ער גע׳חלומ׳ט א שרעקליכען חלום. אין חלום איז ער געפארן אין א רויטע געדינגענע ״שעברוילעי״ קאר אויפ׳ן וועג קיין לוּעסוויל, קענטַאקי, א סטעיט אין דרום פון אמעריקע. פלוצלינג האט ער פארלוירן קאנטראל פון דעם קאר. דער קאר האט זיך איבערגעדרייט עטליכע מאל און נאכדעם איז דער קאר געפארן קעגען א קליינע בארג אויפ׳ן זייט פונעם הייוועי. אַלבערט האט פרובירט צו ריקן דעם רעדל און זיך צוריקצוהאלטן אריינפארן אין בארג אבער ער האט נישט געקענט, ווייל דער קאר איז געפארן צו שנעל. ער האט צוגעמאכט זיין אויגן, גרייטנדיג אריינצוקראכן אין בארג. עס איז געווען א שרעקליכע זעץ מיט א גרויס גרודער ווען די קאר האט אריינגעקראכט אין דעם בארג, א האלבע סעקונדע שפעטער.

(אין חלום) האט אַלבערט געעפענט זיין אויגען. פלא פלאים, ס׳איז אים גאר נישט געשען. ער האט פרובירט ארויסצוגיין פונעם קאר אבער די טירן זענען געווען פארהאקט, און ער האט נישט געקענט ארויסגיין. ער האט געשטופט און געשטופט די טיר אבער גאר נישט האט געהאלפן, די טירן פונעם קאר זענען געווען אינגאנצן פארהאקט! אַלבערט האט פרובירט זיך צו בארואיגען, כדי צו קענען טראכטן וואס צו טון. האט ער געשמעקט אז עפעס ברענט. פייער! זיין קאר האט געברענט און ער איז געווען איינגעשפארט אין די קאר. ער האט אנגעהויבן צו שרייען: ״העלף מיך, איינער זאל מיך העלפן! איך וויל נישט שטארבן, איך בין צו יונג...״ אבער קיינער איז נישט דארט געווען אים צו ראטעווען. די קאר האט ווייטער געברענט און עס האט געפלאצט באלד נאכדעם מיט א שרעקליכען גרודער...

אַלבערט האט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט, שוויס איז אים גערינען פון זיין שטערן. ער האט זיך געציפט צו זיין זיכער אז עס איז טאקע געווען נאר א חלום. ״ברוך ה׳, איך לעב נאך, עס איז נאר געווען א חלום.״ אבער, אפילו עס איז געווען א חלום, איז אַלבערט געבליבן דערשראקן. וועגן דעם האט ער מחליט געווען צו גיין באזוכען זיין רב, חכם ברוך בן חיים שליט״א, זיך פותר חלום און שואל עצה צו זיין.

אַלבערט האט פארציילט פאר זיין רב וועגן דעם חלום. ״איז עס א סימן פון הימעל?״ האט אַלבערט געפרעגט. ״גיי איך שטארבן?״ האט ער געפרעגט ווייטער מיט א דערשראקענע שטימע. דער רב האט געטראכט א פאר מינוט און ער האט געפרעגט אַלבערט: ״זאג מיר... פירסטו זיך יעצט אנדערש ווי אמאל?״

אַלבערט האט זיך גלייך דערמאנט וועגן ציצית. איין טאג פאר ער האט גע׳חלומ׳ט דעם חלום, האט ער אויפגעהערט צו גיין אנגעטון מיט ציצית. אבער, ער האט זיך געשעמט צו זאגן פאר זיין רב. (אסאך ספרדים גיין אנגעטון מיט א טלית קטן אינגאנצן אינטערן העמד, וועגן דעם האט דער רב נישט באמערקט אז אַלבערט טראגט נישט קיין ציצית.) נאך א פאר מינוט טראכטן, האט אַלבערט מודה געווען, אז ער האט אויפגעהערט צו טראגן ציצית. פארשטייט זיך איז דער רב נישט געווען צופרידען עס צו הערן.

״די ערשטע זאך וואס דו זאלסט טון ווען דו גייסט ארויס פון דא איז קויפן ציצית! פאלג מיר און אלעס וועט זיין בסדר.״ האט דער רב געזאגט. די שטרענגקייט אין זיין שטימע האט געהאט די ריכטיגע השפעה אויף אַלבערט, און ער איז געגאנגען גלייך קויפן ציצית. און ער האט זיי אנגעטון דעם זעלבן טאג.

די נעקסטע פאר טעג זענען פארביי געגאנגען אזוי ווי א געווענטליכע וואך פאר אַלבערט. ער איז געפארן קיין פיטסבורג, קליוולאנד, דעטרויט און שיקאגו. שפעטער אין די וואך האט ער געדארפט פארן קיין לוּעסוויל, קענטַאקי. ער איז געגאנגען דינגען א קאר. די מענטשן אין די אפיס האבן אים פארדינגען א רויטע ״שעברוילעי״ קאר. און באלד דערנאך איז ער שוין געווען אויפ׳ן וועג קיין לוּעסוויל, קענטַאקי. ער האט געהאט אסאך צייט נאך פאר זיינע אפוינטמענט אין לוּעסוויל. בשעת׳ן פארן האט ער געקוקט אויף זיין זייגער צו זעהן וויפיל צייט ער האט געהאט פאר זיין אפוינטמענט. און דאן איז עפעס געשען, ער האט פארלוירן קאנטראל פונעם קאר! עס איז געווען פונקט אזוי ווי אין חלום. דער קאר האט זיך איבערגעדרייט עטליכע מאל און נאכדעם איז די קאר געפארן קעגען א קליינע בארג אויפ׳ן זייט פונעם הייוועי. אַלבערט האט פרובירט צו ריקן דעם רעדל און זיך צוריקצוהאלטן אריינפארן אין בארג אבער ער האט נישט געקענט, ווייל דער קאר איז געפארן צו שנעל. ער האט צוגעמאכט זיין אויגן, גרייטנדיג אריינצוקראכן אין בארג. עס איז געווען א שרעקליכע זעץ מיט א גרויס גרודער ווען די קאר האט אריינגעקראכט אין דעם בארג, א האלבע סעקונדע שפעטער.

אַלבערט האט געעפענט זיין אויגען. פלא פלאים, גאר נישט איז געשען צו אים. ער האט פרובירט ארויסצוגיין פונעם קאר אבער די טירן זענען געווען פארהאקט, און ער האט נישט געקענט ארויסגיין פונעם קאר. ער האט געשטופט און געשטופט דעם טיר אבער עס האט גאר נישט געהאלפן, די טירן פונעם קאר זענען געווען אינגאנצן פארהאקט! אַלבערט האט פרובירט זיך צו בארואיגען, כדי צו קענען טראכטן וואס צו טון. פונקט דעמאלס האט ער געהערט א מענטש וואס האט גערופן צו אים, זאגענדיק, ״זארג דיך נישט...״

אַלבערט האט דערזען א מענטש וואס איז געשטאנען אויפ׳ן זייט פונעם הייוועי. ״איך האב געזען ווי דיין קאר איז געפליגן פונעם הייוועי, איך האב שוין גערופן די פאליציי. זיי בארוהיגט, די פאליציי וועלן שנעל קומען, און זיי גייען דיך שוין ארויסנעמען פון דיין קאר.״

״עס איז נישט דא קיין צייט,״ האט אַלבערט געזאגט מיט א פאניק אין זיין שטימע. נאך א פאר סעקונדעס, האט אַלבערט געטראפן א צובראכענע פענסטער, און ער איז ארויסגעשפרינגען פון פענסטער. ״ריק זיך צוריק!״ האט אַלבערט געשריגן צו דעם מענטש. און זיי זענען ביידע אנטלאפן פונעם צוקראכטען קאר. באלד דערנאך האבן זיי געהערט א גרויסע ״בּוּם״ ווען דער קאר האט זיך געפלאצט. ב״ה אַלבערט און דער אנדערער מענטש זענען געווען גענוג ווייט אוועק, און עס איז זיי גאר נישט געשען. דער קאר איז געווארן א פלאם פייער.

באלד דערנאך איז די פאליציי געקומען צוזאמען מיט די פייערלעשערס. זיי האבן אריין געטראגן אַלבערט אין שפיטאל, ווי די דאקטוירים האבן אים באטראכט. ״דו ביסט א גליקליכער מענטש...״ האבן די דאקטוירים געזאגט פאר אַלבערט. זיי האבן געדארפט אראפנעמען זיין העמד כדי אראפצונעמען די קליינע שטיקלעך גלאז וועלכע זענען אריינגעפליגן אין אים בשעת דעם עקסידענט. ווען זיי האבן געוואלט אראפנעמען זיינע ציצית האט ער געזאגט מיט א שטארקייט ״ניין!״ ״רירט דאס נישט, זיי (די ציצית) האבן געראטעוועט מיין לעבן!״ (פון ״חזיות של גדלות״ ר׳ יוסף ווייס, עמ׳ קכה)

דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן זיך נישט מייאש זיין אין גלות. וועגן דעם קומט דער אויבערשטער און ווייזט אונז זיינע מופתים דורך השגחה פרטיות מעשיות אזוי ווי דער אויבערדערמאנטע מעשה. לאמיר טאקע דערקענען די סארט מעשיות אלץ סימנים אז מיר האלטן שוין ביי די גאולה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״...והרביתי את אותותי ואת מופתי בארץ מצרים.״ **גוט שבת אלע אידן.**


<u>רפואה שלימה להרה״צ רבי יעקב יוסף בן חי׳ חנה שליט״א בתוך שאר חולי ישראל</u>

מזל טוב למוה״ר ישראל משה שפיטצער הי״ו לרגל שמחת לידת בתו נ״י

לעילוי נשמת ר׳ נח בן ר׳ יודא ז״ל **** רפואה שלימה לפערל בת אסתר,חיים שמואל צבי בן מלכה בתוך שאר חולי ישראל

<u>שתיקה יפה בשעת התפילה</u> *״כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן.״* (שבת קיט:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג P.O. Box 334, Monsey, New York 10952 (845) 362-8425